LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# יידישע העפטן




**José GURVICH** 1927-1974 "דער משפחה" זשאָסע גורוויטש

©Fondation José Gurvich - Montevideo, URUGUAY

n° 117 JUILLET-AOÛT 2007 יולי-אויגוסט prix : 5 euros

# ייִדן און ייִדיש אין פּעטערבורג

**אינטערוויו מיט אַלעקסאַנדער פרענקעל**
**אויפגענומען פון מאַקס קאָהן** (פּאַריז)
(לאַורעאַט פון "מאַקס צוקערמאַן-פּרייז 2006)

**מאַקס קאָהן :**
**וואָס איז גענוי אייער פונקציע אין די ייִדישע קהילה אין פּעטערבורג ?**

**אַלעקסאַנדער פרענקעל :**
איך בין דירעקטאָר פון אַ קולטור-געזעלשאַפט אונטערן נאָמען "ייִדישער קהילה-צענטער פון סאַנקט-פּעטערבורג". מיר האָבן אַ גוטע ביבליאָטעק, אָרגאַניזירן לעקציעס, סעמינאַרן, קאָנצערטן, אויסשטעלונגען, געבן אַרויס ביכער - אויף רוסיש פאַרשטייט זיך, אָבער וועגן ייִדישער קולטור און געשיכטע. איך בין אויך רעדאַקטאָר פון "Narod Knigi v mire Knig" "אם הסופר אין דער וועלט פון ביכער", די צײַטשריפט געווידמעט היינטצייַטיקער רוסיש-ייִדישע ליטעראַטור און ביבליאָגראַפיע. אָט די אויסגאַבע דערשיינט איין מאָל אין צוויי חדושים זינט 1995.

**מ. ק.:**
**וויפל ייִדן לעבן אין פּעטערבורג און אין רוסלאַנד בכלל? וויפל קענען ייִדיש אין פּעטערבורג און אין רוסלאַנד לויט אייך?**

**א. פ.:**
לויט דער לעצטער אָפיציעלער מלוכהישער פאָלקסציילונג - וואָס איז פאָרגעקומען אין 2002 - זײַנען געווען 35 טויזנט ייִדן אין פּעטערבורג און 250 טויזנט אין גאַנץ רוסלאַנד. אָבער ס'איז דאָ אַ פּראָבלעם מיט אָט דער ציילונג. ערשטנס, די אָרגאַניזאַציע פון דער דער ציילונג איז געווען זייער אַ שוואַכע. איך האָב געפרעגט ביי מיינע פריינט : מע האָט אייך אָפּגעציילט? און אַ סך פון זיי האָבן



אַלעקסאַנדער פרענקעל

גענטפערט : ניין; קיינער איז נישט געקומען און נישט פאַרעגיסטרירט אונדז. ס'איז פאַראַן אַ געגוגנדיקער סמך צו מיינען אַז די מיטאַרבעטער פון דער פאָלקסציילונג זייַנען נישט געווען גוט באַצאָלט און האָבן געהאַלטן פאַר בעסער נישט צו גייען איבער די דירות אָבער אויסצוטראַכטן די רעזולטאַטן. צווייטנס, דאָס איז נישט קיין פשוטע פראַגע : ווער איז אַ ייִד אין איצטיק רוסלאַנד? אָדער אין אַנדערע ווערטער : וואָס מיינט צו זיין אַ ייִד אין רוסלאַנד היינט? ס'איז אַ נייע "גרינע" געזעלשאַפט דאָ. ס'איז נישטאָ קיין קלאָרע דעפיניציע, קלאָרע באַגריפן... פאַר מיין דור, פאַר עלטערע מענטשן איז עס מער אָדער ווייניקער קלאָר. מיר האָבן געהאַט די סאָוויעטישע פאַספּאָרטן מיט אַז עס געררו-פענעם "פינפטן פונקט" - "נאַציאָנאַליטעט", ווו איז געשריבן געווען אַז מיר מיר זייַנען ייִדן. און מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט וואָס האָט געמיינט צו זיין אַ ייִד אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַר יונגע לייט וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פאַספּאָרט מיטן "פינפטן פונקט" איז אַלץ נישט אַזוי קלאָר. באַזונדערס, פאַר די וואָס שטאַמען פון די "געמישטע משפחות". דיין טאַטע איז אַ רוס, דיין מאַמע איז אַ ייִדישקע - ווער ביסטו? אַ רוס? אַ ייִד? אַ "האַלב-און-האַלב"? אין אַזאַ סיטואַציע ווילן אַ סך מענטשן נישט מאַכן איינזייַטיקע באַשלוסן פאַר זיך און האַלטן פאַר בעסער גאָרנישט צו

ענטפערן. אָדער צו ענטפערן עפּעס נאַריש, עפּעס פּראָוואָקאַ-טאָריש. ווי אַ רעזולטאַט האָבן מיר אין רוסלאַנד לוט דער פֿאָלקסציילונג אַזאַ נאַציאָנאַליטעטן ווי "גאָבלינער", "מאַרסיאַנער", "לבנה-איינוווינער... קורץ גערעדט, אָט די ציפֿערן (35.000 ייִדן אין פּעטערבורג און 250.000 אין גאַנץ רוסלאַנד) דאַרף מען האַלטן פֿאַר די נידעריקסטע אָפּשאַצונגען פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די אמתע ציפֿערן זײַנען צוויי/דריי מאָל גרעסער! וויפֿל פֿון זיי קענען ייִדיש? נישט קיין סך. אין מערסט טייל עלטערע מענטשן. אָבער היינט האָבן מיר דעם וואַקסנדיקן אינטערעס צו ייִדיש צווישן די יונגעלייט. אין פּעטערבורג לערנען זיך ייִדיש איצט מער ווי הונדערט יונגע מענטשן - ביי אונדז אינעם קהילה-צענטער און אַנדערע אינסטיטוציעס. גלויבט מיר, ס'איז נישט אַזוי שלעכט.

**מ. ק.:**

**צי איז דאָ אַ צוקונפֿט פֿאַר ייִדיש אין רוסלאַנד? איך מיין נישט בלויז ביי די חסידים נאָר ביי וועלטלעכע ייִדן.**

**א.פּ.:**

חסידים? ערנסט געזאָגט, ס'איז נישטאָ קיין חסידים דאָ. נישטאָ קיין באָראָ-פּאַרק וויליאַמסבורג - רוסלאַנד איז נישט קיין אַמעריקע... כ'האָב נישט קיין אילוזיעס וועגן דער ליכטיקער צוקונפֿט פֿאַר ייִדיש אין רוסלאַנד, וועגן מעגלעכקייט פֿאַר ייִדיש צו ווערן אַ גערעדטער שפּראַך דאָ. אָבער איך גלויב אַז ייִדיש איז זייער וויכטיק ווי אַ יסוד פֿאַר אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור דאָ אין רוסלאַנד, אינעם געוועזענעם ראַטן-פֿאַרבאַנד. די קולטור-טוערס פֿון 19טן און 20טן יאָרהונדערט האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַזאַ רייכע ירושה אויף ייִדיש - ליטעראַטור, פֿאָלקלאָר, מוזיק, טעאַטער. ס'איז אונדזער פֿליכט צו נוצן אָט די אוצרות פֿאַר דער בויען אונדזערע היינצייטיקע קהילות, צו אָנפֿילן היינטצייטיקע ייִדיש לעבן מיט דעם גייסט פֿון די מערבדיקע ייִדישע שרייבער, זינגער, אַרטיסטן פֿון אַמאָל... דאָ אין פּעטערבורג האָבן מיר אַזאַ רייכע קאָלעקציע פֿאַרבונדן מיט ייִדישע קולטור אין ביבליאָטעקן, מוזייען, אַרכיוון; ס'וועט זיין אַ שאָד נישט צו נוצן זיי אין אונדזער איצטיקן קולטור-לעבן. נאָר איין ביישפּיל. פּעטערבורגער טעאַטראַלע ביבליאָטעק האָט אַ קאָלעקציע פֿון אַלע פּיעסן אויף ייִדיש געשריבן פֿאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. דער צענזור-קאָמיטעט איז געווען דאָ, אין דער הויפּט-שטאָט פֿון צאַרישער רוסלאַנד, און אַלע פּיעסן זײַנען געשיקט געוואָרן קיין פּעטערבורג. אגב אַפּאָר יאָר צוריק איז אין אָט דער ביבליאָטעק געפֿינען געוואָרן דער רוסישער אָריגינאַל פֿון אַנסקיס באַרימטע פּיעסע "דער דיבוק". מע האָט געהאַלטן, אַז דער אָריגינאַל איז געוואָרן פֿאַרלוידן און נאָר דאָס ייִדישער איבערזעצונג איז געבליבן. אַזעלכע אוצרות קען מען געפֿינען דאָ...

**מ. ק.:**

**איר אָרגאַניזירט יעדעס יאָר אַ פֿעסטיוואַל פֿון קלעזמער מוזיק אין פּעטערבורג. פֿאַר וואָס, פֿאַר וועמען? ס'זעט אויס אַז עס האָט אַ גרויסן דערפֿאָלג. וואָס איז די וויכטיקייט פֿון קלעזמער מוזיק אין דער היינטיקע ייִדישקייט? איך האָב געלייענט אין "פֿאָרווערטס", אַז עס איז אַפֿילו דאָ אַ קלעזמער-באַנד פֿון יאַפּאַן. קיין סך ייִדן זענען דאָרט נישטאָ און אַנטיסעמיטיזם איז יאָ דאָ... און זיי האָבן אַ קלעזמער-באַנד. ווי פֿאַרשטייט איר דאָס?**

**א. פּ.:**

"קלעזופּעסט פּעטערבורג" איז אַ צווישן-פֿערקערלעכער פֿעסטיוואַל און אַ סעמינאַר געווידמעט טראַדיציאָנעלע ייִדישע מוזיק פֿון מזרח-אייראָפּע. מיר אָרגאַניזירן "קלעזופּ-עסט" יעדן יאָר זינט 1997. דאָס יאָר איז געווען אונדזער 10טער פֿעסטיוואַל. פֿאַר וועמען? ערשטנס, פֿאַר די מוזיקאַנטן פֿון פּאָסט-סאָוועטישע לענדער; דאָס איז אַ מעגלעכקייט פֿאַר זיי צו העכערן זייער שעפֿערישן ניוואָ, צו לערנען ביי די וועלט-באַרימטע שטערן פֿון קלעזמער-מוזיק, צו האָבן אַן אויסטויש פֿון דערפֿאָלג און פּלענער מיט קאָלעגן.

"קלעזפעסט" איז אַ וואָך פון "מאַסטער-קלאַסן", לעקציעס, רעפּעטיציעס. און עס פאַרשטייט זיך אַז ייִדיש ווי אַ שפּראַך איז אַ וויכטיקע טייל פון אָט דער בילדונגס-פּראָגראַם פאַר די מוזיקאַנטן. יעדן טאָג אויף "קלעזפעסט" הייבט זיך אָן פון אַ ייִדיש לימוד. צווייטנס, "קלעזפעסט" איז אַ וואָך פון קאָנצערטן אין סאַמע בעסטע קאָנצערט-זאַלן און קלובן פון פּעטערבורג. און נישט צו פאַרגעסן ׳ס׳איז דאָ אויך אונדזער באַרימטער "קלעזמער-שיף" וואָס טראָגט זיך אַ גאַנצע נאַכט איבער די טייכן און קאַנאַלן פון פּעטערבורג. אין דער גאַנצער וועלט זעען מיר איצט דעם וואַקסנדיקן אינטערעס צו עטנישע מוזיק בכלל און קלעזמער-מוזיק בפרט. דאָס איז אַ טייל פון די גייסטיקע זוכונגען - זוכונגען אויף עפּעס אויטענטישער, עפּעס עכטער. דאָס איז אַן אַלגעמיינער פּראָצעס - צווישן ייִדן און צווישן גוים. וואָס פאַר אַ חידוש אַז קלעזמער מוזיק איז פּאָפּולער אין יאַפּאַן אויך? מע דאַרף אויסניצן אָט דער אינטערעס צו קלעזמער-מוזיק פאַר אַנטוויקלען די ייִדישע קהילות און פאַר קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם אויך.

**מ. ק.:**

**ווי קען מען היינט לעבן אין רוסלאַנד, אַז אַ ייִד, נאָך אַלעס וואָס פּאַסירט, און וויאַזוי? איך האָב אין מיינע וואַקאַציעס אין העלסינקי (פינלאַנד) דאָס יאָר אָנגעהויבן צו לייענען דאָס מייסטערווערק פון וואַסילי גראָסמאַן "לעבן און גורל". ס׳איז פּשוט שרעקלעך צו באַטראַכטן אַלעס וואָס די רוסישע ייִדן האָבן געמוזט דורכלעבן אין זייערע געשיכטע. וואָס מיינט איר דערפון? ווי פילט איר זיך?**

**א. פּ.:**

געשיכטע איז געשיכטע און לעבן איז לעבן. זיי זענען צונויפגעבונדן פאַרשטייט זיך, אָבער נישט דירעקט. ס׳איז נישטאָ מער קיין מלוכהישער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. ס׳איז דאָ אוודאי פאָלקס-אַנטיסעמיטיזם, ווי אין אַלע לענדער אין דער וועלט. איך האָב אַ השערה אַז די סיטואַציע ביי אונדז איז אַפילו אַ ביסל בעסער ווי אין מערב-אייראָפּע, אין פראַנקרייך צום ביישפּיל. ביי אונדז איז נישטאָ קיין גרויסע אַראַבישע באַפעלקערונג, איז נישט געווען קיין גרויסע אַנטי-ישראלדיקע דעמאָנסטראַציעס. פאַר די לעצטע יאָרן זענען געווען עטלעכע אינצידענטן אין שולן און ייִדישע קהילה-צענטערס אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד אָבער אין צייטונגען לייענען מיר וועגן אַזאַ אינצידענטן אין אַמעריקע אָדער מערב-אייראָפּע מער אָפּט.

**מ. ק.:**

**אפשר קענט איר אונדז זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אייער משפחה און אייער געשיכטע? ווי אַזוי זענט איר געוואָרן אַ דיריגענט אין די ייִדישע קהילה דאָ?**

**א. פּ.:**

איך בין געבוירן געוואָרן אין 1961, דאָ אין פּעטערבורג (לענינגראַד), אין אַ טיפּישער סאָוויעטישער משפחה - כמעט אָן ייִדיש. מיין באָבע פון מאַמעס זייט איז געווען פון דווינסק. איר משפחה זענען געווען פליטים פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אין אין 1919 האָבן זיי זיך באַזעצט דאָ אין פּעטערבורג. די באָבע איז געווען זייער יונג דעמאָלט און גאַנץ לעבן האָט געוווינט דאָ, אין פּעטערבורג. זי האָט נישט געקענט כמעט קיין ייִדיש. מיין באָבע-זיידע פון טאַטעס זייט זענען געווען פון קאָנאָטאָפּ, צפון-אוקראַינע.

דער זיידע האָט אָנגעהויבן זיין בילדונג אין חדר. אָבער האָט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט ער אַריינגעטראָטן אינעם "קאָמיונג" (קאָמוניס-טישער יונג-פאַרבאַנד) און שפּעטער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט זיך געלערנט אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע און געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטערמאַן, אַן אַלטילעריסט. דאָס איז געוואָרן גלייך פאַרן אָנהויב פון דער מלחמה מיט היטלערן. גאַנץ מלחמה איז ער געווען אויף די פראָנט, געוואָרן אַ פּאָלקאָווניק. אָבער נאָך דער מלחמה, אין די שוואַרצע יאָרן פון סטאַלינס אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניעס, האָט ער געדאַרפט אַוועקגיין פון דער אַרמיי. איך האָב אים געלערנט נאָר ווי אַ פּענסיאָנער. ער איז געווען אַן איבערצייגטער קאָמוניסט אָבער

גאָר נישט קיין נאַר. ער האָט ליב צו הערן די אויסלענדישע ראַדיאָ-סטאַנציעס און פאַרשטייט אַלץ וועגן דעם סאָוויעטישן לעבן. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו אינטערעסירן זיך מיט ייִדיש איז ער געווען שטאָלץ און דערשראָקן אין דער זעלבער צייט. ייִדיש איז געווען זיין מוטער-שפּראַך. קיין מאָל האָט ער נישט געלייענט קיין ייִדישע ביכער אָדער צייטונגען; אָבערזיין גאַנץ לעבן האָט ער גערעדט ייִדיש מיט זיין ווייב, מיין באָבע.

- "וואָס טוסטו? אויף וואָס דאַרפסטו ייִדיש?" - האָט ער מיך געפרעגט. - דו פאַרשטייסט אַז דאָס איז געפערלעך פאַר דיר? מיר לעבן אין אַן אַנטיסעמיטישן סיסטעם".

- "דאָס איז אַ קאָמוניסטישער סיסטעם און דו שיצט אים אַזוי שטאַרק! - כ'האָב אים איראָניש געענטפערט. וואָס האָט ער געקאָנט זאָגן?

אין 1979, אין די אומעטיקע יאָרן פון ברעזשניעווס מאַכט, האָב איך פּראָבירט צו אַריינטרעטן אינעם לעניגראַדער אוניווער-סיטעט... מען האָט מיר נישט צוגענומען. ס'איז געווען קלאָר פאַרוואָס - דער אוניווערסיטעט איז געווען "פאַרמאַכט פאַר די ייִדן" אויף הונדערט פּראָצענט. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיר. אָט דערמיט האָב איך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן זיך מיט די ייִדישע ענינים, צו לערנען זיך ייִדיש. פונעם אָנהייב פון די 1980קער יאָרן בין איך געוואָרן אַן אַקטיוויסט פון דער אומלעגאַלער ייִדישער באַוועגונג אין לעניגראַד, פון די אומלעגאַלע קרייזן וואָס האָבן זיך פאַרנעמט מיט ייִדישע געשיכטע און קולטור, אָרגאַניזירט פּורים-שפּיל און אַנדערע יום-טובים אין די פּריוואַטע דירות, אַרויסגעגעבן אַליין געמאַכטע אויסגאַבעס, אַזוי גערופענעם "סאַמיזדאַט"...

די מערהייט פון די אַקטיוויסטן פון יענעם פעריאָד וווינען איצט אין ישראל אָדער אין אַמעריקע. איך בין געבליבן דאָ, אין רוסלאַנד. אין 1987-1990 בין איך געווען זייער אַקטיוו אין דער קאַמף פאַר דער לעגאַליזאַציע פון אונדזערע ייִדישע אַקטיוויטעטן, פאַר דער מעגלעכקייט צו פירן עפנטלעך ייִדישע יום-טובים, קאָנצערטן, אויסשטעלונגען.

היינט קען מען טון אַלץ אָן קיין פּראָבלעמען. און אַז איר קענט זען, בין איך אַן אַקטיוויסט ווי פריער...


**11טער "קלעזפעסט" אין פּעטערבורג**
**פון 8טן ביזן 12טן יולי 2007**

**סעמינאַרן, וואַרשטאַטן, קאָנפערענצן, קאָנצערטן, טוריזם.**

מיט : **מיכאַעל אַלפּערט** (ניו-יאָרק),
**לאָרין סקלאַמבערג** (ניו-יאָרק),
**אַרקאַדי גענדלער** (אוקראַינע)

אינפאָרמאַציעס : www.klezfest.ru




צייכענונג פון משה'לע בערנשטיין